

# רבי אביגדור ענטפערט...

נא
תשפ"ג לפ"ק
גליון רמ"ג

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

## פראגע

**עס שטייט "כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים" – איינער וואס מאכט דעם שבת א טאג פון תענוג באקומט ער שכר אן קיין גרעניצן. צו רעדט מען דא אויף פון א מענטש וואס טוט עס "כמצות אנשים מלומדה", אן טראכטן אז ער טוט עס לכבוד שבת?**

## ענטפער:

**אויב** א מענטש מאכט אז דער שבת זאל זיין געשמאק – לאמיר זאגן ער עסט די טשולענט און עס האט א גוטן טעם; ער האט הנאה פון די געבראטענע קארטאפל און עס קאסט גוט. לאמיר זאגן ער טראכט נישט וועגן גארנישט חוץ פון די קארטאפל; דארפט איר וויסן אז ער באקומט שכר פאר דעם. קיין שום ספק.

ווייל איינמאל א מענטש נעמט אריין אין מח דעם געדאנק אז שבת איז א צייט פון תענוג, דאס אליינס איז א דערגרייכונג. שבת איז געשמאק! ס'איז א מדריגה.

פון דעסט וועגן, אויב איר ווילט דערגרייכן אסאך מער, דאן ווען איר עסט די קארטאפל זאלט איר טראכטן, "ברוך ה' אז דער באשעפער האט באשאפן קארטאפל!" אמאליגע צייטן איז נישט געווען קיין קארטאפל אין אייראפע. ווען דער קאפיטאן דזשאן סמיט איז צוריקגעקומען פון אמעריקע קיין אייראפע און ער האט געברענגט קארטאפל, זענען מענטשן געווען פארגאפט. א גאנצע בייגל איז ארויסגעקומען פון דער ערד!

א קארטאפל איז קארבאהיידרעיטס. עס איז ווי א חלה זעמל. פאר אזא זאך האט מען געדארפט ביז יעצט צעמאלן די ווייץ און מאכן מעל, דערנאך מאכן א טייג און עס אפבאקן; אבער דא האסטו א גאנצע בייגל גלייך ארויס פון די ערד! און אזוי האט זיך עס אנגעהויבן צו פארשפרייטן, און אסאך מדינות האבן געלעבט בלויז אויף קארטאפל. דאס אירישע פאלק האט געלעבט בלויז אויף קארטאפל.

במילא דארפן מיר דאנקען השי"ת פאר די חסד פון קארטאפל. און מיר דארפן אים דאנקען פאר די חסד פון געז-רענדזשעס וואס קאכן אפ די קארטאפל, און פאר'ן חסד וואס ער האט אונז געגעבן אזויפיל אנדערע זאכן צו עסן מיט די קארטאפל. אזו פיל חסד! און שבת איז א ספעציעלע צייט צו טראכטן פון די בריאת עולם של חסד.

יעצט, אויב א מענטש האט הנאה פון די קארטאפל און טראכט פון גארנישט, איז עס נאך אלס ווערד. און אויב ער דערקוויקט זיך מיט די קארטאפל - די טשולענט, און ער טראכט פונעם חסד ה' אז ער גיבט אים קארטאפל, דאס איז נאך מער ווערד. אבער אויב טראכט ער פונעם שבת אלס א געדענקמאל פון **בריאת העולם של חסד** – אן אפצייכענונג פונעם באשאף פונעם וועלט פון חסד, יעצט דערגרייכט ער דעם שפיץ פונעם לייטער.

עס איז נישט שווער. ס'איז גרינג צו טראכטן די מחשבות. און דערפאר, די תענוג פון די מאכלי שבת קען אונז ברענגען צו גרויסע מדריגות פון הכרה – פון אנערקענען די וועגן פונעם אויבערשטן. אזוי ווי עס שטייט **"כל דרכי ה' חסד ואמת"**, אלע וועגן פון השי"ת זענען גוטסקייט. און דערפאר, ווי גרויס איז די חשיבות פון די סעודות שבת.

יעצט עס שטייט אין די תפלת שבת **"אברהם יגל"** – אברהם פריידט זיך ווען ער זעט זיינע קינדער, זיינע קינד'ס קינדער, דערקוויקן זיך מיט'ן שבת. ווען מען איז

מענג דעם שבת, מען איז מכבד דעם שבת, מען איז מחשיב דעם שבת, איז עס אן אויסטערלישער זכות פאר אונזערע אבות. אברהם שעפט נחת פון אונז.

אודאי גיבט איר אים נאך מער נחת אויב איר לייגט צו די העכערע מדריגות פון אנערקענען די גדלות ה׳ און אנערקענען אז די בריאת העולם איז כולו חסד; דאן איז זיכער אברהם יגל.

און עס איז אויך א נחת פאר יצחק און יעקב ווען זיי זעען אז זייערע אייניקלעך נוצן אויס דעם שבת אין אזא וועג.

דעריבער זאל שבת אויסגענוצט ווערן צו הנאה צו האבן פון די בענעפיטן, אפילו די גשמיות פון שבת, ווייל די גשמיות פון שבת דאס איז אונזער רוחניות. און דאס איז אונזער וועג פון ווייזן אונזער הכרה אין די דרכי ה׳, אז דער באשעפער איז ׳חסיד בכל מעשיו׳ – ער טוט חסד אין אלעם.

(TAPE # E-109)

## פראגע

### אויב דער מענטש האט א צלם אלקים פארוואס פירן זיך געוויסע מענטשן אויף ערגער ווי חיות?

**ענטפער:**

**קיינער** פירט זיך נישט אויף ערגער ווי חיות. נאר טאקע ווייל דער מענטש האט אזא גרויסקייט, אויב נוצט ער עס אויס פאר שלעכטס קען ער אנמאכן גרעסערע חרבנות ווי ווען א חיה ווערט צעווילדעוועט.

לאמיר זאגן אויב אן עלעפאנט גייט ארויס פון די גליזן – זיי רופן עס א ווילדער עלעפאנט – איז וואס קען ער שוין טון? אלעס וואס דער נעבעכדיגער, הילפסלאזער באשעפעניש קען טון איז איבערצודרייען זאכן; ער קען צעברעכן אפאר יונגע ביימעלעך, דאס אלעס. אבער ווען א מענטש ווערט ווילד האט ער די כלים חרוב צו מאכן די וועלט.

דער מטורף היטלער ימ״ש האט אונטערגעצינדן די וועלט אין פייער. עס איז דוקא די גרויסקייט פון די מענטשהייט וואס גיבט אים די מעגליכקייט צו מאכן אזעלכע חרבנות, נישט ווייל דער מענטש איז וויניגער ווי די חיות, פונקט פארקערט, עס ווייזט אויף זיין גרויסקייט.

ווען עס ווערט איינגעשפאנט צו רשעות מאכט עס אים די מערסטע שעדליך ווי סיי-וועלכע אנדערע באשעפעניש.

## פראגע

### וואס קענען מיר טון אז עס זאל זיין אחדות צווישן גאנץ כלל ישראל?

**ענטפער:**

**חסד׳** הייבט זיך אן אינדערהיים׳. קודם דארפט איר אליינס ווערן א חבר פון כלל ישראל. עס איז נישט אזוי גרינג! יעצט ווען איר זיצט אין אייער קליינעם ווינקל, איז גרינג צו רעדן וועגן אחדות – ווילאנג אנדערע דארפן טון די ארבעט. אבער איינמאל מען הייבט אן קומען אין בארירונג מיט אנדערע קען מען אנטדעקן אז עס איז נישט אזוי גרינג.

דעריבער, צום ערשט דארפט איר עס אליינס פראקטיצירן. הייבט אן ארבעטן ליב צו האבן אלע אידן וואס זענען שומרי תורה. אויב איר טוט דאס, דאן האט איר שוין דערגרייכט זייער א גרויסע פעולה אינעם ציל פון אחדות ביי כלל ישראל. קודם טוט עס אליינס! (#635)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב